איינגעהאַלטנקייט; קעגן אַזעלכע זאַכן איז נישט
24 פאַראַן קיין תורה· די אָבער, וואָס געהערן צום
משיח ישוע האָבן געקרייציקט דאָס פלייש צוזאַמען
מיט די גלוסטונגען און תאוות·
25 אויב מיר לעבן דורכן גייסט, לאָמיר אויך וואַנד־
26 לען אינם גייסט· לאָמיר זיך נישט יאָגן נאָך פוסטן
כבוד, צו דערצערנען איינער דעם אַנדערן און
מקנא צו זיין איינער דעם אַנדערן·

## קאַפּיטל זעקס

1 ברידער, ווען אַפילו אַ מענטש ווערט געכאַפּט
אין עפּעס אַן עבירה, זאָלט איר, די אנשי הרוח,
אַזעלכן ווידער אויפשטעלן אין אַ גייסט פון ענווה;
אַכטונג געבנדיק אויף דיר אַליין, טאָמער וועסטו
2 אויך קומען צו אַ נסיון· טראָגט איינער דעם
אַנדערנס לאַסטן, און אויף אַזאַ אופן וועט איר מקיים
3 זיין די תורה פון דעם משיח· וואָרום אויב עמיצער
מיינט, אַז ער איז עפּעס, ווען ער איז גאָרנישט,
4 באַטריגט ער זיך אַליין· נאָר זאָל יעדער איינער
אויספּרובירן זיין אייגן טון, און דעמלט וועט ער
האָבן דעם רום בלויז פאַר זיך אַליין, און נישט
5 קעגן דעם אַנדערן· וואָרום יעדער איינער וועט
טראָגן זיין אייגענע משא·
6 דער, וועלכער ווערט געלערנט אין וואָרט, זאָל
7 זיך טיילן מיט זיין מלמד אין אַלעם גוטן· נאַרט
זיך נישט אַליין אָפּ; ג־ט לאָזט נישט אָפּשפּאָטן
פון זיך; וואָרום וואָס אַ מענטש וועט נאָר זייען,
8 דאָס דאָזיקע וועט ער אויך שניידן· ווייל דער,
וועלכער זייעט אויף זיין פלייש, וועט פון דעם
פלייש שניידן פאַרדאַרבונג; דער אָבער, וועלכער